**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 10/4/2021 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע צו העלפן היימלאזע, דיסעיבעלד, און עלטערע SNAP באקומער צו קויפן מאלצייטן גרייט אויף צו עסן

***לעגיסלאציע (1524.S.64/A) שאפט סטעיט-ברייטע רעסטוראנט מאלצייט פראגראם; פארלאנגט פון OTDA זיך צו ווענדן פאר USDA באוויליגונג כדי אז SNAP באקומער קענען קויפן צוגעגרייטע עסנווארג***

***נאכ'ן באוויליגן דורך USDA, וועט העלפן SNAP באקומער ניצן זייערע בענעפיטן פאר צוגעגרייטע אדער הייסע עסנווארג ביי אנטיילנעמענדע רעסטוראנטן און דעליס***

***פירט איין 25 מיליאן דאלערדיגע רעסטוראנט רעזיליענסי פראגראם, צו בויען אויף דער סוקסעספול 'נאָריש ניו יארק' איניציאטיוו, אונטערצוהייבן אנגעשטרענגטע רעסטוראנטן און אין דער זעלבער צייט שפייזן פאמיליעס אין נויט***

***רעסטוראנטן קענען זיך ווענדן [דא](#) פאר דער רעזיליענסי פראגראם פון היינט אנגעהויבן***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע (S.64/A.1524) איינצופירן א סטעיט-ברייטע רעסטוראנט מאלצייט פראגראם אלס טייל פון דער סופלעמענטאל נוטרישען הילף פראגראם (SNAP). די לעגיסלאציע פארלאנגט פון דער ניו יארק סטעיט אפיס פון צייטווייליגע און דיסאביליטי הילף (OTDA) זיך צו ווענדן פאר USDA באוויליגונג צו אויטאריזירן דעם פראגראם, וועלכס וועט ערמעגליכן פאר היימלאזע, עלטערע, און דיסעיבעלד SNAP באקומער צו ניצן זייערע בענעפיטן פאר צוגעגרייטע אדער הייסע עסנווארג פון אנטיילנעמענדע רעסטוראנטן. גאווערנער האקול האט אונטערגעשריבן די לעגיסלאציע ביי דער בראונזוויל רעקריעישען צענטער אין ברוקלין, נ.י., אום אקטאבער 4.

דער גאווערנער האט אויך געמאלדן דאס איינפירן פון דעם 25 מיליאן דאלערדיגע 'רעסטוראנט רעזיליענסי' פראגראם צו געבן פארלייכטערונג פאר דער רעסטוראנט אינדוסטריע, וועלכס שטייט ווייטער אויס שווערע אנגעשטרענגטקייט פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. דער פראגראם, פארגעשלאגן דורך דער לעגיסלאטור, וועט בויען אויף דער סוקסעספולער 'נאָריש ניו יארק' איניציאטיוו. עס וועט געבן פאָנדינג פאר ניו יארק'ס נעץ פון עסנווארג קאמערן און עמערדזשענסי עסנווארג באזארגער צו קויפן צוגעגרייטע מאלצייטן פון ניו יארק רעסטוראנטן און זיי דעליווער'ן צו נויטבאדערפטיגע פאמיליעס.

"עס גלויבט זיך גארנישט אז אין א סטעיט מיט אזא שפע ווי ניו יארק, מוטשען זיך נאך פילע איינוואוינער צו באקומען גענוג עסנווארג צו שפייזן זייערע פאמיליעס," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די העכסט-נויטיג שריט וואס מיר נעמען — אוועקצושטעלן צוויי רעסטוראנט פראגראמען צו העלפן די מערסט באדערפטיגע ניו יארקער זיך צו שפייזן און העלפן רעסטוראנטן זיך צו ערהוילן פון דער געפערליכער פאנדעמיע — וועלן אינאיינעם ארבעטן צו לייגן עסן אויפ'ן טיש אין וואוינונגען איבער'ן סטעיט. דער פאנדעמיע אפעקטירט ווייטער די בערזלען און היימען פון א ריזיגע צאל ניו יארקער, און

מיר נעמען אלע סארט שריטן מעגליך זיי צו העלפן אויף צו קענען אליין שטיצן זיך און זייערע פאמיליעס."

**ליוטענאנט גאווערנער ברייען בענדזשאמין האט געזאגט,** "די שריטן וואס גאווערנער האקול נעמט היינט מאכט קלאר פאר פאמיליעס און רעסטוראנטן וואס ערהוילן זיך פון קאוויד אז ניו יארק סטעיט שטייט גרייט זיי צו העלפן. פארברייטערן SNAP בענעפיט בארעכטיגקייט אנריינצונעמען אנגעגרייטע אדער הייסע עסנווארג ביי אנטיילנעמענדע רעסטוראנטן וועט העלפן שפייזן ניו יארקער נויטבאדערפטיגע פאמיליעס און אין דער זעלבער צייט אונטערהייבן די אנגעשטרענגטע ארטיגע ביזנעסער. אינאיינעם מיט'ן איינפירן דעם 25 מיליאן דאלערדיגע 'רעסטוראנט רעזיליענסי' פראגראם, וואס איך האבן געארבעט צו שטיצן אינ'ם סענאט, וועט דאס אסאך אויפטוהן אויף ווייטער צו פירן אונזער ערהוילונג אויף א מער גלייכבארעכטיגטע ניו יארק."

דער סטעיט-ברייטע רעסטוראנט מאלצייטן פראגראם, נאכ'ן באוויליגן דורך USDA, וועט העלפן SNAP באקומער ניצן זייערע בענעפיטן פאר צוגעגרייטע אדער הייסע עסנווארג ביי אנטיילנעמענדע רעסטוראנטן און דעליס אויף רעדוצירטע פרייזן.

בעפאר'ן אונטערשרייבן די לעגיסלאציע, האבן SNAP באקומער אין ניו יארק סטעיט נישט געקענט ניצן זייערע בענעפיטן צו קויפן צוגעגרייטע עסן. דאס האט פארמיטן פון פילע גרופעס וועלכע האבן נישט קיין צוטריט צו א קיך אדער עסנווארג אנגרייטן געצייג צו קענען ניצן זייערע SNAP בענעפיטן. דאס האט הויפטזעכליך אפעקטירט די היימלאזע, דיסעיבעלד, און עלטערע באפעלקערונגען.

**סענאטארקע ראקסענע פערסאוד, פארזיצער פון דער סענאט סאושעל סערוויסעס קאמיטע, האט געזאגט,** "די לעגיסלאציע וואס ווערט היינט אונטערגעשריבן וועט ענדגילטיג רעזולטירן אין מער הייסע עסנווארג אפציעס פאר עלטערע מענטשן, דיסעיבעלד, אדער היימלאזע אין ניו יארק פאר וועמען עס פעלט פשוט'ע קיך איינריכטונגען אדער זענען פיזיש נישט פעאיג זיך אליין אנצוגרייטן מאלצייטן. עסנווארג-נויט דיסקרימינירט נישט, און אלע אפציעס מוזן זיין צוגעשטעלט צו אונזער מערסט באדערפטיגע שכנים. איך דאנק גאווערנער האקול פאר'ן אונטערשרייבן די וויכטיגע לעגיסלאציע און אויך פאר'ן ארויסשטעלן די 25 מיליאן דאלערדיגע 'רעסטוראנט רעזיליענסי' פראגראם פינאנצירט אין דער היי־יעריגער בודזשעט. קאוויד-19 האט איינגעשטעלט עסנווארג סערוויס איינריכטונגען לענגאויס ניו יארק סטעיט; דער פראגראם וועט העלפן רעסטוראנטן העלפן אונזערע שכנים וואס שטייען אויס הונגער."

**אסעמבלי-מיטגליד קארינעס רעיעס האט געזאגט,** "דער פאנדעמיע האט באדייטנד געהעכערט עסנווארג-נויט אין אונזער סטעיט. דער דראונג פון עסנווארג-נויט איז עפעס וואס איך האב געזעהן אין מיין דיסטריקט, און עס איז נאך פיל גרעסער פאר אונזער עלטערע, דיסעיבעלד, און היימלאזע באפעלקערונגען. צוליב דעם האב איך פארגעשלאגן און געארבעט דורכצופירן דעם ביל אין דער אסעמבלי, כדי אז ניו יארק זאל זיך קענען אנשליסן אין דער רעסטוראנט מאלצייטן פראגראם. דאס פארזיכערט אז אונזער מערסט באדערפטיגע SNAP באקומער ווערן אריינגערעכנט און קענען באקומען צוגעגרייטע אדער הייסע עסנווארג פון אנטיילנעמענדע רעסטוראנטן — אלץ בשעת'ן געבן א אונטערשטיצנדער האנט פאר רעסטוראנטן וואס ערהוילן זיך נאך."

**אסעמבלי-מיטגליד ראבערט דזשעי. ראדריגעז האט געזאגט,** "דער פאנדעמיע האט צוטרייסלט דער ניו יארק סטעיט רעסטוראנט אינדוסטריע דורך לייגן א פרעצעדענטלאזע אנגעשטרענגטקייט אויף איר איינקונפט, אין דער צייט וואס באזייטיגטע קאמיוניטיס איבער'ן סטעיט מוטשען זיך מיט עסנווארג-נויט. בשעת'ן אויסשטיין פילע שוועריגקייטן זענען רעסטוראנט אייגנטימער אויפגעקומען מיט פיקחות'דיגע המצאות צו סערווירן זייערע קאסטומערס, באשיצן זייער שטאב מיטגלידער, און שפייזן די נויטבאדערפטיגע אין זייערע קאמיוניטיס. די באמיאונגען גייען נישט אריבער אומאנערקענט, און דער

רעסטאָראַנט ווידער-אויפלעבונג פראגראם וועט זיי געבן די מיטלען פארצוזעצן ווייטער די ארבעט. איך בין דאנקבאר פאר׳ן סטעיט פאר׳ן פארברייטערן איר סעיפטי נעץ און איינגעפירט א פראגראם וואס וועט העלפן רעסטאראנטן אויסצוהאלטן זייערע ביזנעסער און אין דער זעלבער צייט טרעפן צו די געברויכן פון זייערע קאמיוניטיס אין באקעמפן עסנווארג-נויט און צושטעלן מאלצייטן פאר די מערסט נויטבאדערפטיגע שכנים."

דער ׳רעסטאראנט רעזיליענסי׳ פראגראם וועט אויסטיילן פאָנדינג, וועלכס איז דורכגעפירט געווארן אלס טייל פון דער 2021-22 ניו יארק סטעיט בודזשעט, פון דער ניו יארק סטעיט העלט דעפארטמענט צו ניו יארק׳ס נעץ פון צען עסנווארג קאמערן לענגאויס דעם סטעיט. די ליסטע פון עסנווארג קאמערן און זייערע אויסגעטיילטע סומעס קען מען געפונען [דא](#).

עמערדזשענסי עסנווארג באזארגער וועלן ארבעטן דירעקט מיט רעסטאראנטן וואס ווערן באשטעטיגט פאר׳ן פראגראם דורך דער ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס. זיי וועלן דארפן ווייזן די קאפאציטעט צו שאפן מאלצייטן אין איינקלאנג מיט די סטאנדארטן פון MyPlate.gov, און זיין אפ-טו-דעיט מיט לייסענסינג פארלאנגען, און האבן דורכגעגאנגען אלע געזונטהייט אינספעקציעס. אנטיילנעמענדע רעסטאראנטן ווערן דערמוטיגט צו ניצן ניו יארקער אינגרידיענטס וואו מעגליך. נאך אינפארמאציע און אן אפליקאציע פאר דעם פראגראם קען מען געפונען [דא](#).

**סטעיט אגריקולטור קאמישענער ריטשערד עי. באל האט געזאגט,** "דער ׳נאַריש ניו יארק׳ פראגראם איז געווען א הילכיגער ערפאלג אין אדרעסירן די געברויכן פון פאמיליעס וועלכע האבן זיך געפונען אין נויט פאר עסנווארג הילף אין לויף פון דער פאנדעמיע און צו געבן פארלייכטערונג צו אונזערע פאַרמערס וואס ראנגלען זיך מיט׳ן פארלוסט פון הויפט מארקעטס. דורך ניצן דעם ׳נאַריש ניו יארק׳ אלס א מוסטער צו קענען איצט העלפן רעסטאראנטן וועלן מיר קענען אנקומען צו נאך מער ניו יארקער און צושטעלן א כסדר׳דיגע קאסטומער באזע פאר אונזערע רעסטאראנטן כדי זיי צו העלפן זיך דורכקומען אין די שווערע צייטן."

**ניו יארק סטעיט געזונטהייט קאמישענער דר. האווארד זוקער האט געזאגט,** "עסנווארג-נויט איז א פובליק געזונטהייט פראבלעם וואס איז ספעציעל ארויסגעהויבן געווארן דורך דער קאוויד-19 פאנדעמיע. דער ׳נאַריש ניו יארק׳ פראגראם איז געווען העכסט-נייטיג אין געבן הילף און פארלייכטערונג דורכאויס דער פאנדעמיע און זעצט פאר ווייטער זייערע ארבעט נישט נאר אויף צו העלפן פאמיליעס נאר אויך אויפצולעבן דער רעסטאראנט אינדוסטריע. איך בין שטאלץ פון די איבערגעגעבנקייט צוריק צו קעמפן קעגן עסנווארג-נויט און צו העלפן פארזיכערן אז ניו יארקער פאמיליעס זענען געזונטער און שטערקער ווי סיי ווען פריער."

**דעפארטמענט פון סאושעל סערוויסעס קאמישענער סטיוון בענקס האט געזאגט,** "ביי NYC DSS האבן מיר איינגעפירט א ריי רעפארמען וואס האבן גרינגער געמאכט פאר ניו יארקער צו באקומען די מיטלען און בענעפיטן וואס זיי דארפן, ווען זיי דארפן עס, אריינגערעכנט דורך אן אנליין / מאביל עפ. מיר שטיצן מיט׳ן גאנצן הארץ די סטעיט׳ס באמיאונגען צו פארברייטערן דער סאציעלער סעיפטי נעץ דורך צולייגן מער אפציעס און העכערן צוטריטליכקייט — און מיר קוקן ארויס אויף איינצופירן דער פראגרעסיוור ענדערונג, וועלכס וועט געבן פאר אונזערע קליענטן מער אויסוואל און בייגיגקייט, און אין דער זעלבער צייט שטיצן אונזער שטאט׳ס שווער-ארבעטנדע קלענערע ביזנעסער."

**יומען ריסאָרס אדמיניסטראטאר (HRA) גערי דזשענקינס האט געזאגט,** "באהעפטן ניו יארקער מיט די עסנווארג הילף אין וואס זיי נייטיגן זיך איז איינע פון אונזערע העכסטע פריאריטעטן און א פאראנטווארטליכקייט וואס מיר נעמען זייער ערנסט. מיר שטאלצירן זיך צו זיין א טייל פון דער באמיאונג צו ברענגען פשוט-שכל׳דיגע רעפארמען צו דער העכסט-נויטיגער פראגראם, וועלכס וועט נאר העכערן די אפציעס וואס זענען פארהאן פאר די מיליאנען ניו יארקער וועמען מיר סערווירן. מיר אפלאדירן דעם

גאווערנער און דער סטעיט ניו יארק פאר'ן אנכאפן מיטביידע הענט די געלעגנהייט פאר רעפארם, וועלכס וועט סטראטעגיש ברענגען אזוי פיל הויפט סטעיקהאָלדער צום טיש."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון דער NYC האספיטעליטי עלייענס ענדרו ריגי האט געזאגט,** "די לעגיסלאציע טוהט אנבאטן א המצאה׳דיגע און דורכגעטראכטע אופן אויף צו שטיצן עסנווארג-נויטיגע ניו יארקער דורך געבן צוטריט צו הייסע עסנווארג און ערנערונג פון רעסטוראנטן,און אין דער זעלבער צייט געבן פארלייכטערונג צו די זעלבע רעסטוראנטן, די מערסטע פון וועלכע זענען קלענערע ביזנעסער וואס זענען פינאנציעל צוקלאפט געווארן דורך דער פאנדעמיע און מוטשען זיך זיך צו ערהוילן. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול פאר איר פירערשאפט אין אונטערשרייבן די וויכטיגע לעגיסלאציע און דער נייער פראגראם אלס געזעץ."

**NYS רעסטוראנט אסאסיעשען פרעזידענט און CEO מעליסע פליישוט האט געזאגט,** "די נאכווייענישן פון קאוויד-19 האבן איבערגעלאזט פילע ניו יארקער אין שווערע פינאנציעלע אומשטענדן, און צו וויסן פון וואו זייער קומענדער מאלצייט וועט אנקומען. אבער דער פאנדעמיע האט אונז אויסגעלערנט אז דורך ארבעטן אינאיינעם קענען ניו יארקער אסאך אויפטוהן. דער 'רעסטוראנט רעזיליענסי' פראגראם איז א המצאה׳דיגע אופן צו ניצן די זעלבע קאאפעראציע אויף אויסצוגלייכן די געברויכן פון עסנווארג-אומזיכערע ניו יארקער און די באאיינדרוקספולע יחידים אין דער רעסטוראנט אינדוסטריע אויף זיך קענען פאראויס ציען אינאיינעם. א דאנק אייך גאווערנער האקול, קאמישענער באל, אסעמבלימאן ראדריגעז, און אונזערע לעגיסלאטיווע פירער פאר'ן אויפקומען מיט דער פראגראם און מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט אלע פאראינטערעסירטע פארטייען צו פארזיכערן אז עס ווערט עפעקטיוו איינגעפירט צו בענעפיטן ניו יארקער און אונזער רעסטוראנט אינדוסטריע."

**'פידינג ניו יארק סטעיט' עקזעקיוטיוו דירעקטאר דען איגען האט געזאגט,** "דער 'נאַריש ניו יארק' פראגראם שטיצט ווייטער די דריי מיליאן ניו יארקער וואס נייטיגן זיך אין עסנווארג הילף ווי אויך ניו יארק'ס עסנווארג אינדוסטריע. מיט דער אנאנסמענט טוט 'נאַריש ניו יארק' זיך פארברייטערן אריינצונעמען דער רעסטוראנט סעקטאר, וועלכס איז אייגנארטיג פלצירט צו קענען געבן זייער הויכע קוואליטעט צוגעגרייטע מאלצייטן צו אונזערע נויטבאדערפטיגע שכנים. מיר אפלאדירן גאווערנער האקול'ס פירערשאפט, און מיר קוקן ארויס אויף צו פארברייטערן אונזער מיטארבעטשאפט מיט דער דעפארטמענט פון אגריקולטור און מארקעטס."

**דר. דעבי אלמאנטאסער, מיט-גרונדערין פון דער תימנע-אמעריקאנע סוחרים אסאסיעשען האט געזאגט,** "דער קאוויד-19 פאנדעמיע האט אונז געוויזן ווי אומבאשיצט אונזערע קאמיוניטיס זענען געווען איבער דעם גאנצן סטעיט ווען עס איז געקומען צו עסנווארג זיכערהייט. דער פאנדעמיע האט דראסטיש אפעקטירט אונזער סיניארס, דיסעיבעלד, און היימלאזע באפעלקערונגען. אונזערע באָדעגאַס, דעליס, און רעסטוראנטן לענגאויס דעם סטעיט האבן געזעהן ערשט-האנטיג אלס עסענשעל וואורקערס אין לויף פון דער פאנדעמיע. דער תימנע-אמעריקאנע סוחרים אסאסיעשען, אירע מיטגלידער, און איך טוהען אינאיינעם אפלאדירן גאווערנער האקול, קאמישענער באל, סענאטארקע ראקסענע פערסאוד און אסעמבלימאן ראדריגעז אויף דאס אונטערשרייבן לעגיסלאציע S.64/A.1524."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך ארויסשרייבן